# דעם רבינ'ס ליכט

שמות תשפ"ב
גליון 73



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער

מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ חֻמָּשׁ! אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת וֶוערְן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט גָאר וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת פַאר יֶעדֶעס אִידִישׁ קִינְד. יְצִיאַת מִצְרַיִם, קְרִיעַת יַם סוּף, מָן, אוּן דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק, מַתַּן תּוֹרָה, דֶער מִשְׁכָּן מִיט דִי כֵּלִים אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ.

אִין דִי פַּרְשָׁה דֶערְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן שִׁעְבּוּד מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַיַּעֲבִדוּ מִצְרַיִם אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ. מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִצְחִי, עֶס גֵייט אַלֶעמָאל אָן, הַיינְט אִיז אוֹיךְ דָא מִצְרַיִם אוּן אַ פַּרְעֹה הָרָשָׁע וֶועלְכֶער וִויל בִּיטֶער מַאכְן דָאס לֶעבְּן פוּן יֶעדְן אִיד.




אִין תּוֹרָה מ"ו חֵלֶק שֵׁנִי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז אַ אִיד וֶוען עֶר וִויל זִיךְ שְׁטֶעלְן דַאוֶוענֶען, קוּמְט אִים אַפִּיר שְׁטֶערוּנְגֶען צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, אוּן אַז מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, וֶוערְט דָאס הַארְץ פַארְדְרֵייט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מְנִיעָה פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת, וֶוען דִי הַארְץ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען אַזוֹי וִוי אַ גֶעבִּינְדֶענֶער וֶועלְכֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים 'לִבִּי סְחַרְחַר', אוּן דֶער תַּרְגּוּם טַייטְשׁ 'סְחוֹר סְחוֹר' - דָאס מֵיינְט אַז דִי הַארְץ אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קַשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת.

דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ פוּן דֶער פָּסוּק פוּן דִי פַּרְשָׁה 'וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם בַּעֲבֹדָה קָשָׁה' זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר 'בַּעֲבוֹדָה קָשָׁה' מֵיינְט 'כְּפִירוֹת', אַז דִי מִצְרִיִּים וַוארְפְן אַרַיין דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין כְּפִירוֹת מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אוּנְז הָאבְּן. דִי עֵצָה פַאר אוּנְז אִיז צוּ טוּן וָואס אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם, 'וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹקִים מִן הָעֲבֹדָה' 'וַנִּצְעַק אֶל ה' אֱלֹקֵי אֲבֹתֵינוּ וַיִּשְׁמַע ה' אֶת קֹלֵנוּ וַיַּרְא אֶת עָנְיֵנוּ וְאֶת עֲמָלֵנוּ וְאֶת לַחֲצֵנוּ'. אַז אַ אִיד שְׁרַייט פוּן טִיפְן הַארְץ אוּן גֶעבְּט אַ קְרֶעכְטְס הֶערְט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס, אוּן נָאר מִיט זַיין שְׁרֵייעֶן אַלֵיינְס פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קַשְׁיוֹת אוּן מְנִיעוֹת.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דִי רָאשֵׁי תֵּבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער **שְׁ**מַע **י' קוֹ**לִי **אֶ**קְרָא אִיז **קַשְׁיָא**, ווייל אַז מֶען שְׁרַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע קַשְׁיוֹת!

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (תורה מ"ו חלק שני) אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב. עֶס

המשך אויף זייט 8

# וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית?!

ווען ר' נָתָן אִיז נָאךְ גֶעווען אַ קְלֵיין קִינְד, הָאט עֶר שׁוין גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם טָאג וָואס מֶען גֵייט אַװעקְגֵיין פוּן דֶער װעלְט. ווייל ר' נָתָן פְלֶעגְט גֵיין דַאוֶוענֶען מִיט זַיין זֵיידְן ר' יִצְחָק דַאנְצִיג ז"ל, דֶער זֵיידֶע פְלֶעגְט זִיצְן אוֹיבְן אָן בַּיים מִזְרָח טִישׁ, דָארְט פְלֶעגְן זִיצְן אַלֶע עֶלְטֶערֶע אִידְן, און פְלֶעגְן הֲנָאָה הָאבְּן פוּן ר' נָתָן און זִיךְ טְשַׁאטְשְׁקֶען מִיט אִים.

אֵיין מָאל ווען ר' נָתָן אִיז געקוּמֶען אִין שׁוּל הָאט עֶר בַּאמֶערְקְט אַז אֵיין אַלְטֶער אִיד אִיז נִישְׁט געקוּמֶען אִין שׁוּל. "זֵיידִי וואוּ אִיז דֶער אַלְטֶער אִיד וָואס פְלֶעגְט דָא זִיצְן" פְרֶעגְט ר' נָתָן פוּן זַיין זֵיידֶע ר' יִצְחָק? עֶנְטְפֶערְט אִים זַיין זֵיידֶע: "דֶער אַלְטֶער אִיד אִיז שׁוין געשְׁטָארְבְּן, עֶר אִיז אַ מֵת" "וָואס מֵיינְט שְׁטַארְבְּן?" פְרֶעגְט דֶער קְלֵיינֶער נָתַלֶ'ע? הָאט אִים זַיין זֵיידֶע מַסְבִּיר גֶעווען וָואס ס'מֵיינְט! שְׁטֶעלְט נָתַלֶ'ע נָאךְ אַ פְרַאגֶע: און וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מֵת? עֶנְטְפֶערְט דֶער זֵיידֶע: "מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד און מֶען בַּאדֶעקְט אִים מִיט זַאמְד".

דֶער קְלֵיינֶער נָתַלֶ'ע הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן... זַיין קָאפּ ווֶערְט אִים פִיל מִיט קַשְׁיוֹת, פַארְוָואס קוּמְט מֶען אַרָאפּ אויף דֶער וועלְט, וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער וועלְט? פוּן יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן וָואס טוּ אִיךְ דָא אויף דֶער וועלְט. בִּיז צוּם סוֹף נָאכְן זַיין אַזוֹי נָאנְט צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים און עֶר הָאט בַּיי זֵיי אויךְ גֶעזוּכְט נָאךְ און נָאךְ און דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט וויאַזוֹי מֶען גֵייט אַרִיבֶּער דִי וועלְט, מֶען זָאל קֶענֶען דֶערְגְרֵייכְן דֶעם תַּכְלִית.

ר' נָתָן אִיז גֶעוָוארְן אַן אֵיידֶעם בַּיי דֶעם גְרוֹיסְן ר' נָתָן צְבִי, וועלְכֶער אִיז גֶעווען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער רַב, עֶר אִיז גֶעווען רַב אויף אַכְצִיג שְׁטֶעט.

ווען דֶער ר' דָוִד צְבִי אִיז גֶעווען אַ קְלֵיין אִינְגְל, אִיז זַיין טַאטֶע נִפְטַר גֶעוָוארְן, זַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר גֶעקְלָאגְט: "וָואס וֶועט זַיין מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם דָוִד צְבִי, וֶוער וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִים? וֶוער וֶועט לֶערְנֶען מִיט אִים? אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעווען קֵיין חֵדֶר וואוּ אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען פָּארְט מִיט אַ בָּאס אִין חֵדֶר אַרַיין, יֶעדֶער טַאטֶע הָאט גֶעדִינְגֶען אַ מְלַמֵּד פַאר זַיינֶע קִינְדֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, אָבֶּער נֶעבֶּען אַזַא יָתוֹם וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים דִינְגֶען אַ רֶבִּי וֶועלְכֶער זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים.



ווען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעווען אִינְמִיטְן שִׁבְעָה, אִיז דֶער טַאטֶע פוּן ר' דָוִד צְבִי גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַאמֶע און גֶעזָאגְט: "דַארְפְסְט נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט! אִיךְ וֶועל קוּמֶען יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען מִיט אוּנְזֶער קְלֵיינֶעם דָוִד צְבִי!". אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעווען יֶעדְן טָאג אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען פוּן גַן עֵדֶן לֶערְנֶען מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם צַדִיק דָוִד צְבִי. אַכְט יָאר אִין אֵיין צִי אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פוּן גַן עֵדֶן לֶערְנֶען, בִּיז ווען אִין אֵיין טָאג הָאט דֶער קְלֵיינֶער דָוִד צְבִי אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר אַפָּאר מֶענְטְשְׁן אַז זַיין טַאטֶע לֶערְנְט מִיט אִים יֶעדְן טָאג, אִיז זַיין טַאטֶע שׁוין מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען לֶערְנֶען.

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



אַ גוּטְן דָוִד'ל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט ווען צוּ רֶעדְן צוּ דִיר, וַוייל דוּ בִּיסְט צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי גְּמָרָא, בס"ד הָאבּ אִיךְ דִיר יעצט געכאפט ביים מאכן א גלאז טיי, אֶפְשָׁר ווילסטו מיר דערציילן דעם סוד פון דיין צוגעבונדנקייט צו די הייליגע תּוֹרָה און ווי אזוי ביזטו נתקרב געווארן צום הייליגן רֶבִּי'נְס וועג?

יָא, אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ עֶס ווען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר יוּנְג, מַיין טַאטֶע הָאט גֶענוּמֶען אַן אֵיידֶעם אַ בְּרֶסְלֶב'ער בָּחוּר. ווען עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען בַּיי אוּנְזֶער שַׁבָּת טִישׁ הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ נִגּוּנִים. אִיךְ הָאבּ סְפֶּעצִיעֶל לִיבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ תְּנוּעוֹת פוּן 'כָּל מְקַדֵּשׁ שְׁבִיעִי'. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווער עֶס הָאט גֶעמַאכְט דֶעם נִיגּוּן אָבֶּער עֶס קוּקְט אוֹיס אַז עֶס אִיז גֶענוּמֶען פוּן דִי הוֹיכֶע פַּאל פוּן אֵשֶׁת חַיִל נִיגּוּן, 'גְּמָלַתְהוּ טוֹב אָדֶער וַתָּקָם בְּעוֹד לַיְלָה', דֶער נִיגּוּן הָאט מִיר זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר מַיין שְׁוָואגֶער מִיטְגֶענוּמֶען פּוּרִים אִין בְּרֶסְלֶב'עֶ שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים. עֶס הָאט מִיר בַּאנוּמֶען דֶער מַצָּב דָארְט, אִיךְ וֵוייס פוּן נָאךְ אִידְן ווֶעלְכֶע זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן פּוּרִים, הֶערְנְדִיג דִי פְּנִימִיּוּת'דִיגֶע ווֶערְטֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים. אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם סְפָרִים שַׁאפֶע אוּן אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ מְשִׁיבַת נֶפֶשׁ, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז אַ סֵפֶר וָואס קֶען מִיר זֵייעֶר הֶעלְפְן.

ווען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין דִי בַּר מִצְוָה יָארְן, זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער וואוֹיְנֶען קַיין אַמֶערִיקֶע. אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאךְ, אִיךְ פְלֶעגְ אַלֶעמָאל טְרֶעפְן אִין דִי גְּנִיזָה בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס וַוארְפְט מֶען דָאס אִין שֵׁמוֹת, הָאבּ אִיךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אֵיין סֵפֶר אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ זִיךְ נֶענְטֶער בַּאקֶענְט מִיטְן הֵיילִיגְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת.

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ווען אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ תּוֹרָה ב"ה אִין עֶרְשְׁטְן חֵלֶק וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי הוֹיכֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוענְלִיךְ נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן הָאט דָאס מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער אִינְגְל. ווען אִיךְ הָאבּ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל בַּאגֶעגְנְט אַ חָשׁוּב'ער בְּרֶסְלֶב'ער אִיךְ דָארְט אִין חוּץ לָאָרֶץ הָאט אִיךְ אִים גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם פְּרַאגֶע, הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיפְן פְּלַאץ: "וְכָל קוֹמָה לְפָנֶיךָ תִשְׁתַּחֲוֶה...".

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ"ן. ווען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ שִׂיחָה ע"ו, הָאט אִיךְ אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אוֹיף דֶעם שִׂיחָה... דוּ ווִילְסְט זִיכֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דִי שִׂיחָה? הֶער מִיר אוֹיס דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט גְלֵייבְּן! אָבֶּער ווען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חֵדֶר, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְזִיצְן מֶער ווִי צֶען מִינוּט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ... אַלֶע מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר מִיר צוּ זַיין צוּ לַאנְג אוֹיף אֵיין בֶּענְקְל... אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן מִיט טַאנְצֶערְס אִין מַיין פִּיס, וָואס הֵייבְּט אָן טַאנְצְן ווִי אַ זֵייגֶער נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּט זִיצְן אוֹיפְן בַּאנְק, פַארְשְׁטֵייסְטוּ שׁוֹין אַלֵיין ווִי אַזוֹי מַיין לֶערְנֶען הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט!

ווען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פוּן רֶבִּי'ן צוּ דוּרְכְגֵיין שְׁגָעל דִי תּוֹרָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי אַרְבֶּעט! אִיךְ בִּין דוּרְכְדֶעם גֶעוָוארְן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה צוּבִּיסְלֶעכְוַוייז, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶענוּצְט דִי עֵצָה פוּן לֶערְנֶען דָאס וָואס מַיין הַארְץ צִיט. אֵיינְס פוּן דִי אִינְטֶערְסַאנְטֶע זַאכְן וָואס דִי וֶועג פוּן רֶבִּי'נְס לִמּוּד הָאט מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט אִיז, ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זוֹכְן עִנְיָנִים, ווִי לְמָשָׁל: אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַזַא נָאמֶען ווִי 'אַמְתֵּיהּ דְּרַבִּי' דִי דִינְסְט פוּן רֶבִּי, הָאבּ אִיךְ מִיר אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין אוֹצַר הַסְּפָרִים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן נִישְׁטֶערְן נָאךְ דִי נָאמֶען אוּן גֶעטְרָאפְן עֶטְלִיכֶע מָאל דִי נָאמֶען אוּן אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ קוּנְטְרֶס, אַזוֹי בִּין אִיךְ אַדוּרְךְ צֶען אַזֶעלְכֶע נוֹשְׂאִים.

שְׁפֶּעטֶער הָאט אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען תַּנַ"ךְ הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע מְלִיצוֹת וָואס מִיר נוּצְן פוּן נַ"ךְ ווִי לְמָשָׁל: "זֶה בְּכֹה, וְזֶה אוֹמֵר בְּכֹה" "חֲכָמִים

המשך אויף די לעצטע זייט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

## ~2~




הָאבִּין זִיךְ גִיפִינֶען מֶענְטְשְׁן פוּן זַיינֶע לַייט. אוּן הָאבִּין אִים גָאר קֵיין דֵיעָה נִישְׁט גִיפְרֶעגְט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין. אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה אַז זֵיי זָאלִין זֵיי אַרוֹיס פִירִין דֶערְפוּן. וָוארִין זֵיי (דְהַיינוּ דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) הָאבִּין גְרוֹיס רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַּארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן בִּפְרַט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גִיזָאגְט. אַז זֵיי קָאנֶען נָאךְ וַוייטֶער פַּארְפִירְט וֶוערִין. אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וֶועלִין זֵיי קָאנֶען אַרוֹיס פִירִין זֵיי פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

דִי זֶענֶען גִיקוּמֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין. אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען מִן הַסְתָּם צוּ אַ קְלֵיינֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער הֵייסְט בַּיי זֵיי אַ חַיָה אוּן זֵי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֶמֶת אִיז דָאס גֶעלְט גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. אוּן דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאט צוּ דִינֶען וְכוּ'.

אוּן דֶער הָאט זֵיי גָאר נִישְׁט צוּגִיהֶערְט. וָוארִין עֶס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַזוֹי אַיינְגִיוָוארְצִילְט גִיוֶוען אִין דֶער דֵיעָה אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס גֶעלְט. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִישְׁמוּסְט נָאךְ מִיט אֵיין אַנְדֶערִין. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ זֵיי נִישְׁט צוּ גִיהֶערְט. אוּן זֵיי הָאבִּין מִיט אִים וַוייטֶער גִיוָואלְט שְׁמוּסִין.

הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט (דְהַיינוּ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבִּין מִיט אִים גִישְׁמוּסְט הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט) וַוייטֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט צַייט מִיט אַייךְ צוּ שְׁמוּסִין. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. פַּארְוָואס. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר מִיר בַּאדַארְפְן אַלֶע אַרוֹיס פוּן דֶער מְדִינָה. אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אַרַיין. וָוארִין מִיר הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז

דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר דָאס גֶעלְד. אִיבֶּער דֶעם אִיז בַּיי אוּנְז גִיבְּלִיבְּן אַז מִיר זָאלִין גֵיין צוּ אַזוֹי אַ מְדִינָה וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט. (דְהַיינוּ עֶס אִיז דָארְט אַזוֹי אֵיין עֶרְד וָואס דֶערְפוּן מַאכְט מֶען גָאלְד אוּן זִילְבֶּער). אִיבֶּער דֶעם מוּזִין מִיר הַיינְט אַלֶע גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה.

אוּן ווִידֶער אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן אַז זֵיי ווִילִין. אַז זֵיי זָאלִין הָאבִּין כּוֹכָבִים אוּן מַזָלוֹת אוֹיךְ (דְהַיינוּ שְׁטֶערִין אוּן מַזָלוֹת וָואס אִין הִימִיל) דְהַיינוּ אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל גֶעלְט. ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דָארְט אוֹיס גִיזֶעצְט דְרוֹיף. דֶער זָאל זַיין אַ כּוֹכָב (דְהַיינוּ אַ שְׁטֶערִין) וָוארִין אַז עֶר הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט הָאט עֶר זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין וָוארִין דוּרְךְ דֶעם שְׁטֶערִין וַואקְסְט זִיךְ דָאס גָאלְד.

וָוארִין וָואס עֶס אִיז פַּארְהַאנְדִין עֶרְד וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען גָאלְד. אִיז זִיךְ דָאס מַחְמַת דִי שְׁטֶערִין. וָואס דוּרְךְ זֵיי וַואקְסְט דָארְט אַזוֹי אֵיין עֶרְד וָואס פוּן אִיר מַאכְט מֶען גָאלְד. אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְד הָאט עֶר זִיךְ דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם שְׁטֶערִין. אִיבֶּער דֶעם אִיז עֶר אַלֵיין אַ שְׁטֶערִין (אַזוֹי הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִיזָאגְט דִי מְדִינָה וֶועדְלִיג זֵייעֶר פַּארְפִירְטְקֵייט אִין דֶעם גֶעלְד).

אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גִיזָאגְט. אַז זֵיי ווִילִין הָאבִּין מַזָלוֹת אוֹיךְ. דְהַיינוּ אַז אֵיינֶער וֶועט הָאבִּין אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל גֶעלְט. ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דְרוֹיף אוֹיסְגִיזֶעצְט דֶער זָאל זַיין אֵיין מַזָל. אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִימַאכְט מַלְאָכִים אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט.

בִּיז עֶס אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן אַז זֵיי זָאלִין הָאבִּין גָאטְן אוֹיךְ. אַז דֶער וָואס עֶר וֶועט הָאבִּין זֵייעֶר פִיל גֶעלְט אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי פִיל אֲלָפִים וּרְבָבוֹת. ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבִּין דְרוֹיף אוֹיס גִיזֶעצְט. דֶער זָאל

זַיין אֵיין גָאט. וָוארִין אַז גָאט גִיט אִים אַזוֹי פִּיל גֶעלְד. אִיז עֶר אַלֵיין אַ גָאט.

ווִידֶער הָאבִּין זֵי גִיזָאגְט. אַז זֵיי קֶערִין גָאר נִישְׁט צוּ זִיצִין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. אוּן זֵיי בַּאדַארְפִין גָארְנִישְׁט צוּ זַיין אִין אֵיינֶעם מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן כְּדֵי זֵיי זָאלִין זֵיי נִישְׁט מְטַמֵא זַיין. וָוארִין דִי אִיבְּרִיקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען גָאר טָמֵא אַקֶעגִין זֵיי. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. אַז זֵיי וֶועלִין זִיךְ זוּכְן זֵייעֶר הוֹיכֶע בֶּערְג וָואס זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. אוּן זֵיי וֶועלִין דָארְט זִיצִין. כְּדֵי זֵיי זָאלִין זַיין הֶעכֶער פוּן דֶער וֶועלְט.

הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט מֶענְטְשְׁן. אַז זֵיי זָאלִין זוּכְן הוֹיכֶע בֶּערְג. הָאבִּין זֵיי גִיפוּנֶען זֵייעֶר הוֹיכֶע בֶּערְג אִיז גִיגַאנְגֶען דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אוּן הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּיי זֶעצְט. אוֹיף דִי הוֹיכֶע בֶּערְג. דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג הָאבִּין זִיךְ בַּיי זֶעצְט אַ קִבּוּץ מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה (כְּלוֹמַר אַ שְׁטָאט) אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בַּארְג וְכוּ' אוּן זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט אַרוּם דֶעם בַּארְג אַ גְרוֹיס חזקת. אוּן גְרוֹיסֶע גְרָאבִּינְס אַרוּם דֶעם בַּארְג. בִּיז עֶס אִיז נִישְׁט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ זֵיי זָאל קוּמֶען אַ מֶענְטְשׁ. וָוארִין עֶס אִיז מֶער נִישְׁט גִיוֶוען נָאר אֵיין בַּאהַאלְטִינֶער וֶועג צוּ דֶעם בַּארְג וָואס קֵיין אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ הָאט גָאר נִישְׁט גִיקָאנְט צוּ קוּמֶען צוּ זֵיי. אוּן אַזוֹי אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין בַּארְג אוֹיךְ אוּן אַזוֹי בַּיי אַלֶע בֶּערְג הָאבִּין זֵיי אַלְץ גִימַאכְט חזקת וְכוּ' כַּנַ"ל.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִישְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים וַוייט פוּן דֶעם בַּארְג. כְּדֵי קֵיינֶער זָאל צוּ זֵיי נִישְׁט קָאנֶען קוּמֶען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיזֶעסִין דָארְט אוֹיף דִי בֶּערְג. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִיפִירְט מִיט דֶעם פִּירִיכְץ כַּנַ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַסַאךְ גָאטִין. דְהַיְינוּ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט כַּנַ"ל.

לוּשְׁמִיר ווייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר גִיוֶוען דָאס גֶעלְט. בִּיז דָארְךְ אַסַאךְ גֶעלְט. אִיז מֶען גִיוֶוען בַּיי זֵיי אַ גָאט הָאבִּין זֵיי מוֹרָא גִיהַאט פַאר רְצִיחָה אוּן גְזֵילָה. וָוארִין אִיטְלִיכֶער וֶועט זַיין אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ גַזְלָן כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערִין אַ גָאט. דוּרְךְ דֶעם גֶעלְט וָואס עֶר וֶועט גַזְלֶ'ן. נָאר זֵיי הָאבִּין גִיזָאגְט. ווייל דֶער וָואס עֶר הָאט גֶעלְט אִיז אַ גָאט. וֶועט עֶר זִיךְ הִיטִין פוּן גְזֵילוֹת אוּן רְצִיחוֹת.

אוּן זֵיי הָאבִּין מְתַקֵן גִיוֶוען עֲבוֹדוֹת אוּן קָרְבָּנוֹת אַז מֶע זָאל מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת אוּן מֶע זָאל מִתְפַּלֵל זַיין צוּ דִי גֶעטֶער. כְּדֵי דוּרְךְ דֶעם זָאל מֶען קְרִיגִין גֶעלְט אוּן זֵיי פְלֶעגִין מַקְרִיב זַיין מֶענְטְשְׁן פַאר קָרְבָּנוֹת אוּן זֵיי פְלֶעגִין זִיךְ אַלֵיין מַקְרִיב זַיין צוּ דִי גָאטִין. כְּדֵי עֶר זָאל אִין אִים נִכְלַל וֶוערִין אוּן דֶער נָאךְ וֶועט עֶר מְגוּלְגַל וֶוערִין. וֶועט עֶר זַיין אֵיין עוֹשֶׁר. וָוארִין דֶער עִיקָר אֱמוּנָה אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען דָאס גֶעלְט.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט עֲבוֹדוֹת אוּן קָרְבָּנוֹת אוּן קְטוֹרֶת וָואס זֵיי פְלֶעגְן דֶערְמִיט צוּ דִינֶען דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט אַסַאךְ גֶעלְט).

אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פָּארְט. אִיז דִי מְדִינָה בְּוַודַאי פִּיל גִיוֶוען מִיט רְצִיחָה אוּן גְזֵילָה. וָוארִין דֶער וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גִיגְלֵייבְּט אִין דִי עֲבוֹדוֹת אִיז עֶר גִיוֶוען אַ רוֹצֵחַ אוּן אַ גַזְלָן כְּדֵי עֶר זָאל הָאבִּין גֶעלְט. וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען דָאס גֶעלְט וָוארִין דוּרְךְ גֶעלְט קָאן מֶען זִיךְ קוֹיפִין אַלְדִינְג. עֶסִין אוּן קְלֵיידֶער אוּן דֶער עִיקָר לֶעבִּין פוּן דֶעם מֶענְטְשְׁן אִיז דוּרְךְ דֶעם גֶעלְט. אִיבֶּער דֶעם אִיז דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען (אַזוֹי אִיז אַלְץ זֵייעֶר נַיירִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵעָה גִיוֶוען).

אוּן זֵיי הָאבִּין אַלְץ גִיזֶעהְן. אַז עֶס זָאל בַּיי זֵיי נִישְׁט גִימִינֶערְט וֶוערִין קֵיין גֶעלְט. וָוארִין דָאס גֶעלְט אִיז בַּיי זֵיי גָאר דִי אֱמוּנָה אוּן דֶער גָאט גִיוֶוען. אַדְרַבָּא מֶע מוּז זֶעהְן אַז מֶע זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין גֶעלְט פוּן אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער.

פְלֶעגִין פוּן זֵיי גֵייעֶן סוֹחְרִים זָאלִין הַאנְדְלֶען אִין אַנְדֶערֶע מְדִינוֹת. כְּדֵי זֵיי זָאלִין גֶעווִינֶען גֶעלְט כְּדֵי מֶען זָאל נָאךְ מֶער גֶעלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין.

אוּן צְדָקָה. אִיז בְּוַודַאי אַ גְרוֹיסֶער אִיסוּר בַּיי זֵיי גִיוֶוען. וָוארִין ווִי טָאר מֶען אַוֶועק גֶעבִּין דָאס גֶעלְט וָואס גָאט הָאט אִים גֶעגִיבְּן. וָואס דָאס אִיז בַּיי זֵיי דֶער עִיקָר גִיוֶוען אַז מֶען זָאל הָאבִּין גֶעלְט. ווִי טָאר מֶען זֶע דָאס אַוֶועק גִיבִּין. אִיבֶּער דֶעם אִיז בְּוַודַאי בַּיי זֵיי אֵיין אִיסוּר גִיוֶוען צוּ גִיבִּין צְדָקָה.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיהַאט מְמוּנִים. דְהַיְינוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען גִיזֶעצְט גִיוֶוען דְרוֹיף. זֵיי זָאלִין אַכְטוּנְג גִיבִּין אוֹיף אִיטְלִיכְן אוֹיבּ עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט ווִי עֶר זָאגְט. וָוארִין אִיטְלִיכֶער הָאט גִימוּזְט אַרוֹיס ווַייזִין זַיין עֲשִׁירוּת אַלֶע מָאל. כְּדֵי עֶר זָאל בְּלַייבִּין בַּיי דֶער מַעְלָה. אוּן בַּיי דֶעם כָּבוֹד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וֶועדְלִיג זַיין גֶעלְט.

(כְּלוֹמַר דִי אַלֶע עֲשִׁירִים וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיי זֵיי גִיוֶוען גָאטִין אוּן שְׁטֶערִין וְכוּ' אוּן מַלְאָכִים וְכוּ' מֵחֲמַת זֵייעֶר גֶעלְט פְלֶעגְט מֶען אַלֶע מָאל זֵיי אִיבֶּער צוּ זֶעהְן. אוֹיבּ עֶר הָאט אַזוֹי פִּיל גֶעלְט. אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט אוּמְזִיסְט אֵיין גָאט וְכוּ'. אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דְרוֹיף גִיזֶעצְט גִיוֶוען

אַז זֵיי זָאלִין אַלֶע מָאל דָאס אוֹיף זֶעהְן).

אוּן אַמָאל פְלֶעגְט בַּיי זֵיי צוּ וֶוערִין פוּן אַ חַיָה אַ מֶענְטְשׁ. אוּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיָה דְהַיְינוּ אַז אֵיין עוֹשֶׁר הָאט אָנְגְיוָוארִין דָאס גֶעלְט. אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיס מֶענְטְשׁ גְיוָוארִין. אִיז גְיוָוארִין פוּן אַ מֶענְטְשׁ אַ חַיָה. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין קֵיין גֶעלְט נִישְׁט. אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט. אַז אֵיינֶער הָאט גְווינֶען גֶעלְט. אַזוֹי אִיז גְיוָוארִין פוּן אַ חַיָה אַ מֶענְטְשׁ. אוּן אַזוֹי אִיז גְיוֶוען בַּיי דִי אִיבֶּרִיקֶע מַעֲלוֹת. וָואס בַּיי זֵיי אִיז אַלְץ וֶועדְלִיג דֶעם גֶעלְט גְיוֶוען. (אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גְיוֶוען. מִיט אַמָאל אִיז אֵיינֶער אוֹיס גָאט גְיוָוארִין. וָוארִין עֶר הָאט שׁוֹין דָאס גֶעלְט אָנְגְיוָוארִין).

אוּן זֵיי פְלֶעגִין הָאבִּין דִי צוּרוֹת אוּן דִי פַּאטְרֶעטִין פוּן דִי גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט גִיהַאט) אוּן בַּיי אִיטְלִיכְן אִין גְיוֶוען דִי פַּאטְרֶעטִין. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זֵיי צוּ הַאלְדְזִין אוּן צוּ קוּשְׁן. וָוארִין דָאס גֶעלְט אִיז בַּיי זֵיי גְיוֶוען גָאר זֵייעֶר עֲבוֹדָה אוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה.

אוּן דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (וָואס זֵיי זֶענֶען פְרִיער דָארְט גְיוֶוען בַּיי דֶער מְדִינָה כַּנַּ"ל) זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט צוּ זֵייעֶר אָרְט. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְצֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה וִוי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גְיוָוארִין אוּן פַארְפִירְט גְיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן אַז זֵיי ווילִין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מְדִינָה אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי ווילִין זִיךְ שׁוֹין מַאכִין שְׁטֶערִין אוּן מַזָלוֹת (כַּנַּ"ל).

הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגֶערוּפְן עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי זָאלִין נִישְׁט נָאךְ מֶער פַארְפִירְט וֶוערִין ווייטֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דָאס גִיהֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִימַאכְט גָאטִין (כַּנַּ"ל). הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. הָאט דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט (דְהַיְינוּ דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגִין עֶר הָאט מוֹרָא זֵיי זָאלִין נִישְׁט נָאךְ אַרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערִין הָאט עֶר דָאס גִימֵיינְט).

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי גִיהַאט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִין גֵיין. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אַרוּם אִיטְלִיכְן בַּארְג (כַּנַּ"ל) אוּן דִי שׁוֹמְרִים זֶענֶען מִן הַסְתָּם גְיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט. וָואס זֵיי הָאבִּין גִימֶעגְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט.

וָוארִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט מַעֲלוֹת מַחְמַת זֵייעֶר גֶעלְט. זֵיי הָאבִּין גָאר נִישְׁט גִיקָאנְט זַיין אִין אֵיינֶעם מִיט דֶער וֶועלְט. אוּן הָאבִּין נִישְׁט גִיקֶענְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס זָאל זֵיי נִישְׁט מְטַמָּא זַיין (כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין גָאר נִישְׁט גִיקֶענְט שְׁמוּסִין מִיט דֶער וֶואלְט. מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט מְטַמָּא זַיין מִיט דֶעם דוּף פוּן דֶעם מוֹיל (כְּלוֹמַר בַּיי דֶער נַארִישֶׁער מְדִינָה אִיז דִי וֶועלְט גָאר טָמֵא גְיוֶוען אַקֶעגִין זֵיי כַּנַּ"ל)

אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען בְּוַודַאי דִי שׁוֹמְרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט. זֶענֶען זֵיי בְּוַודַאי גְיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט נָאר דִי שׁוֹמְרִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיהַאט דִי פַּאטְרֶעטִין (פוּן דִי גָאטִין זֵייעֶרֶע) אוּן זֵיי פְלֶעגִין דִי פַּאטְרֶעטִין צוּ הַאלְדְזִין אוּן צוּ קוּשִׁין אַלֶע מָאל. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גְיוֶוען דָאס גֶעלְט.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ אֵיין שׁוֹמֵר. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית. בַּאֲשֶׁר אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט. תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט. אוּן עֶס אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִישְׁט וְכוּ'

אוּן דֶער שׁוֹמֵר הָאט אִים אָבֶּער גָאר נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט. וָוארִין עֶס אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַזוֹי אַיינְגִיזֶעצְט גְיוֶוען פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס גֶעלְט. כַּנַּ"ל. אוּן אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּ אַלֶע שׁוֹמְרִים. אוּן הָאט מִיט זֵיי אַזוֹי אַלְץ גִישְׁמוּסְט. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גָאר נִישְׁט צוּ גִיהֶערְט.

הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. אוּן אִיז אַרֵיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרֵיין. וָואס דִי שְׁטָאט אִיז גְיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּארְג (כַּנַּ"ל). וִוי עֶר אִיז אַרֵיין גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרֵיין. אִיז בַּיי זֵיי גְיוֶוען אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ.

אוּן זֵיי הָאבִּין גִיפְרֶעגְט. וִוי אַזוֹי בִּיסְטוּ אַהֶער אַרֵיין גִיקוּמֶען. וָוארִין קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ צוּ זֵיי נִישְׁט גִיקָאנְט צוּ טְרֶעטִין כַּנַּ"ל. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. וָואס פְרֶעגְט אִיר. אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין אָבֶּער פָּארְט אַרֵיין.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אֵיינֶעם צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט אַז גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִישְׁט וְכוּ' (אַזוֹי ווי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גְיוֶוען) אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִים גָאר נִישְׁט צוּגִיהֶערְט. אוּן אַזוֹי דֶער אַנְדֶערֶער אוּן אַזוֹי אַלֶע. (כְּלוֹמַר קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט צוּגִיהֶערְט)

וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע אַזוֹי פַארְפִירְט גְיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט אַז זֵיי הָאבִּין שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט גִיהֶערְט.

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעווטע מעשה (2) - מבעל תפילה

**א. מיט וועמען פון די מדינה של עשירות האבן די מענטשן פון בעל תפלה אנגעהויבן צו שמועסן?**

- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א שטערן
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א חי'
- ☐ מן הסתם מיט מענטשן וואס מ'רופט זיי א מלאך

**ב. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות געוואלט אריבער צו א אנדערע מדינה?**

- ☐ ווייל ס'איז געווען דארט אסאך עשירים
- ☐ ווייל פון די ערד פון די מדינה מאכט מען גאלד און זילבער
- ☐ ווייל משנה מקום משנה מזל

**ג. וועלכע דרגות איז געווען אין די מדינה של עשירות?**

- ☐ שטערן, מזלות,
- ☐ מלאכים, גאטן,
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. פארוואס זענען זיי געגאנגען צו די הויכע בערג?**

- ☐ כדי זיי זאלן נישט זיין מיט מענטשן פון דער וועלט
- ☐ כדי זיי זאלן האבן געשמאקע לופט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואספארא סארט וועג איז געווען אפן צו די מדינה אויף די בערג?**

- ☐ א ברייטע וועג אלע זאלן קענען אריין גיין
- ☐ א שמאלע וועג אינמיטן שטאט אז א חלק זאלן קענען אריין גיין
- ☐ איין באהאלטענער וועג אז קיין אנדערער מענטש זאל נישט קענען קומען צו זיי

**ו. וואו זענען געשטאנען די שומרים?**

- ☐ נאנט צום בארג אז שלעכטע חיות זאלן נישט קענען אריין אין שטאט
- ☐ אויפ'ן בארג צו בעטן שטייער
- ☐ ווייט פון בארג כדי קיינער זאל נישט קענען צו זיי קומען

**ז. וואס האבן זיי געטון צו זייערע גאטן?**

- ☐ געדאוונט צו זיי ר"ל
- ☐ זיך מקריב געווען צו זיי ר"ל
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. איז געווען רציחות און גזילות אין די מדינה של עשירות?**

- ☐ ניין
- ☐ אביסל
- ☐ פול מיט רציחות און גזילות

**ט. האט מען געמעגט געבן צדקה אין די מדינה?**

- ☐ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע מצוה
- ☐ עס איז געווען ביי זיי א גרויסע איסור
- ☐ מען האט געמעגט אבער ס'איז ביי זיי נישט געווען א מצוה

**י. ווען איז געווארן פון א מענטש א חי' אין די מדינה?**

- ☐ ווען איינער האט פארלוירן (אנגעווארין) זיין געלד
- ☐ ווען איינער האט פארלוירן געלד פון זיין חבר
- ☐ ווען איינער האט געביסן זיין חבר

**יא. ווען איז געווארן פון א חי' א מענטש אין די מדינה?**

- ☐ ווען איינער האט געגעבן זיין גאנצע געלד פאר צדקה
- ☐ ווען איינער איז געווארן אויסגעהיילט פון זיין קרענק
- ☐ ווען איינער האט פארדינט (געוואונען) מער געלד

**יב. וואס האבן זיי געטון מיט די פאטרעטין פון זייערע גאטן?**

- ☐ זיי פלעגן עס ווארפן אויף דער ערד
- ☐ זיי פלעגן עס האלזן און קושן
- ☐ זיי פלעגן טאנצן מיט דעם

**יג. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט ווען מ'האט אים דערציילט אז זיי האבן גאטן?**

- ☐ דערפאר האב איך מורא געהאט
- ☐ ער האט גרויס רחמנות געהאט אויף זיי
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יד. וואס האבן די שומרים געענטפערט פאר דעם בעל תפלה ווען ער האט אנגעהויבן רעדן פון תכלית?**

- ☐ אונז האבן א אנדערע תכלית
- ☐ מיר האבן א אנדערע וועג
- ☐ זיי האבן גאר נישט צוגעהערט

**טו. ווען די מענטשן פון די מדינה האבן געפרעגט דעם בעל תפלה וויאזוי ער איז אריין אין שטאט וואס האט ער געענטפערט?**

- ☐ אז ער איז איבערגעשפרינגען א צוים
- ☐ אז דער שומר האט אים אריין געלאזט
- ☐ וואס פרעגט איר ?! איך בין דאך שוין דא!

**טז. וואס לערנסטו זיך דערוויל ארויס פון די מעשה?**

- ☐ אז דער גאנצער תכלית אויף דער וועלט איז_____________________.
- ☐ אז תאוות ממון קען ברענגען צו_______________.
- ☐ _____________________________________.

## מיט אסאך הצלחה!!!

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף.
אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶלֶךְ, וֶועלְכֶער הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אַן אוֹצָר אִין אַ גֶעוִויסְן אָרְט, אוּן מִיט אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ הָאט עֶר בַּאהַאלְטְן דֶעם אוֹצָר מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע אוּן פֶעסְטֶע מוֹיעֶרְן אַרוּם דֶעם אוֹצָר. וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּם אוֹצָר הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען דִי וֶוענְט אַז עֶס הָאט זִיךְ פַאר זֵיי גֶעדַאכְט אַז דָאס זֶענֶען אֱמֶת'ע וֶוענְט אוּן עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ צֶעבְּרֶעכְן, זֶענֶען זֵיי אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען, דִי אַנְדֶערֶע חֵלֶק מֶענְטְשְׁן הָאבְּן יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ צֶעבְּרֶעכְן אֵיין מוֹיעֶר, אָבֶּער זֶעעֶנְדִיג דֶעם צְוֵוייטְן מוֹיעֶר הָאבְּן זֵיי גֶעהוֹיבְּן הֶענְט, גֶעוִויסֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעבְּרָאכְן נָאךְ אַ מוֹיעֶר־צְוֵויי, בִּיז דֶער קִינְד פוּן קֶענִיג אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַן אוֹיגְנְפַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ (אֲחִיזַת עֵינַיִם) סְ'אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מוֹיעֶר". אוּן עֶר אִיז מִיט זִיכֶערְקַייט אַרִיבֶּער אַלֶע חוֹמוֹת.

וֶוער עֶס הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט אַלֵיין דֶעם נִמְשַׁל. דֶער אוֹצָר אִיז דָאךְ 'דֶער אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם', וָואס אִיז לַיידֶער אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מוֹיעֶרְן, דָאס אִיז דִי אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען אוּן רֵייצְנְדִיגֶע תַּאֲווֹת וֶועלְכֶע שְׁלֶעפְּן אוּנְז אַוֶועק נִישְׁט צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער עִיקָר אִיז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועלְן אַלֶע מְנִיעוֹת אַרָאפְּפַאלְן אוּן וֶוערְן בָּטֵל וִוי אַ זַייפְן בְּלָאז.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיי מַעֲרִיב כִּי פָדָה ה' אֶת יַעֲקֹב וּגְאָלוֹ מִיַּד חָזָק מִמֶּנּוּ, אוּן מִיר וֶועלְן אַלֶע מַאכְן דִי בְּרָכָה בָּרוּךְ אַתָּה ה' גָּאַל יִשְׂרָאֵל אָמֵן וְאָמֵן.



צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין
אינעם גורל, 02-5-3333-72
646-518-1095 1-518-329-9149

## מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע

המשך פון זייט 3

בְּעֵינֵיהֶם", אַזוֹי הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ קֶשֶׁר צוּ דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ־פְלֵייש צוּ קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן מִיט דִי שִׁעוּרִים אִין חֵדֶר, וַוייל דִי וֶועג פוּן בְּקִיאוֹת הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אִין זַייטִיגֶע צַייטְן. אִיךְ הָאבּ אַ חַבֵר מִיט אַ קֶעפְּל וָואס אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ פָּשׁוּט... עֶר הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן צוּ חַזֶרְ'ן עֶטְלִיכֶע מָאל דִי גְּמָרָא וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר, אוֹיף גָאר אַ פָּשׁוּטֶ'ער וֶועג, אַזוֹי אִיז אִים אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי גְּמָרָא, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם פַארְהֶער אִיז אִים דִי וֶוערְטֶער שׁוֹין אַרוֹיסְגֶערִינֶען פוּן זַיין מוֹיל. עֶר הָאט אָבֶּער אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ מַגִּיד שִׁיעוּר וֶועלְכֶער פְלֶעגְט אִים כְּסֵדֶר שְׁטַארְקְן אוּן זָאגְן: "דוּ הַאקְסְט שְׁטִיקֶער!" וָואס הָאט אַוַודְאַי צוּגֶעלֵייגְט דֶעם גֶעשְׁמַאק צוּ וֶוערְן הַיינְט־צוּ־טָאג אֵיינֶער פוּן דִי גָאר חָשׁוּבֶ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, וֶועלְכֶער אִיז מֵפִיץ דֶעם רֶבִּי'נְס תּוֹרוֹת אוֹיף אַ וואוּנְדֶערְלִיכְן אוֹפָן.

אִיךְ וִויל נָאר צוּלֵייגְן אֵיין זַאךְ. הַיינְט צוּ טָאג רוּפְט מֶען מִיר שׁוֹין מִיט אַ ר' פַאר מַיין נָאמֶען אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין צֶען מָאל שַׁ"ס בַּהֲבָנָה!!! אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלְס קִינְד מִיטְן לֶערְנֶען דִי זַייטִיגֶע שִׁעוּרִים מִיט גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶ'ע פַארְשְׁטַאנְד. אִיךְ שְׁרֵייבּ דָאס פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז אֲפִילוּ אַ אִינְגְל וָואס קֶען נִישְׁט אַיינְזִיצְן אוּן אֶפְשַׁר גָאר אַזַא אִינְגְל הָאט אַ גוּטֶע גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ וֶוערְן אַ גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל אוּן דוּרְכְלֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיסְוַואקְסְן וָואס דִי וֶועלְט רוּפְט אַ גָּדוֹל, וֶועט עֶר אָבֶּער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט זַיין וֶועג וִויאַזוֹי צוּ לֶערְנֶען.

(פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז קַיין אִינְגְל דַארְף נִישְׁט נָאכְמַאכְן יֶענֶעם, יֶעדֶעס קִינְד מִיט זַיינֶע כּוֹחוֹת אִין צוּשְׁטַאנְד קֶען נִיצְן דֶעם רֶבִּי'נְס עֵצָה אוֹיף זַיין וֶועג מִיט זַיין גֶעשְׁמַאק. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל פִירְן יֶעדֶעס קִינְד אוֹיף זַיין אַייגְנַארְטִיגֶע וֶועג. גֶעדֶענְק, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט!)